# עונג שבת

## פרשת במדבר תשס"ה

**גוט שבת אלע אידן.** אפאר יאר צוריק איז געוועזן א סקווירער חסיד, לאמיר אים רופן יצחק, פארנדיג אויפן וועג קיין לאנדאן. ווען ער האט גענומען זיין פלאץ אויפן עראפלאן, האט ער זיך געפרייט צו זען אז ער זיצט לעבן א איד. יצחק האט באגרוסט יענעם, וואס האט אויסגעקוקט ווי א נישט קיין היימישער איד. נאכדעם וואס דער עראפלאן האט זיך אויפגעהויבן, האט יענער איד, לאמיר אים רופן מארק (אבער זיין אידיש נאמען איז "משה"), אנגעהויבן צו פרעגן אלע מיני שאלות וועגן אידישקייט. עס איז אויסגעקומען אז יענער איד מארק איז א בעל תשובה. מארק האט א מוראדיג שטארק נייגעריגקייט וועגן אידישקייט, בפרט חסידות. און ער האט געפרעגט יצחק וועגן דעם, בפרט וועגן די הייליגע סקווירא חסידות. יצחק האט גענומען מסביר זיין דעם דרך החסידות פאר מארק. דאן האט מארק אנגעהויבן צו דערציילן זיין מוראדיגען מעשה ווי אזוי ער איז געווארן א בעל תשובה.

פארשטייט זיך אז מארק איז אויפגעוואקסן אלץ פרייער איד אין אמעריקע. ער האט נישט געוואוסט פון אידישקייט. עס איז נישט געוועזן זיין שולד, קיינער האט אים נישט קיינמאל מחנך געוועזן אויף די דרך האמת. אבער, נאך א פלאדיגע השתלשות איז ער ב"ה געווארן א פרומער איד.

מען דארף אביסל מקדים זיין צו זאגן אז כאטש אז מארק איז געוועזן נעבאך דעמאלט אינגאנצן פריי, האט ער געוואוסט אז ער איז א איד. ער האט געזאגט צו זיין חברים אז ער איז א איד, און ער האט זיך נישט געשעמט פון דעם. אבער ער האט פשוט נישט געוואוסט וואס עס מיינט צו זיין א איד, ד"ה ער האט נישט מקיים געוועזן אסאך מצוות.

אזוי ווי רוב פון אלע יונגערע מענטשן אין אמעריקע, איז מארק געגאנגען שטודירען אין א פלאץ וואו מען לערנט אפיקורסות און שטות'עם, רח"ל! אזוי ווי די שטייגער איז פון יענע פלעצער, האט מארק געוואוינט צווישן אנדערע בחורים, סיי גוים, סיי אידן להבדיל, השם ישמור. מארק האט געוואוינט אין א הויז מיט די אנדערע בחורים. דער הויז איז געוועזן לעבן לעיקוואוד, ניו דזשערסי.

איין ווינטער נאכט, האבן די גוים אין זיין הויז געמאכט א צוזאמענקומען. פארשטייט זיך אז עס האט נישט גענומען לאנג ביז די גוים זענען געווארן גוט פארשיכרט. באלד דערנאך זענען די גוים ממש צווילדעוועט געווארן. מארק האט זיי אנגעקוקט ווי זיי האבן ארימגעטאנצט דעם גאנצן הויז, וכו'. פלוצלינג, האט איינער פון די גוים אראפגענומען א מזוזה פונעם טיר. דער בעל הבית פונעם הויז איז געוועזן א איד, וואס האט געלייגט מזוזות אויף יעדען טיר, אפילו ער האר פארדינגען דעם הויז פאר גוים אויך. די גוים האבן קיינמאל נישט גענומען קיין אינטערעס אין די מזוזות. מארק אליינס האט געדענקט די איין מזוזה וואס איז געוועזן אויף זיין עלטערנ'ס הויז אינדערהיים. אבער מארק האט נישט אריינגעטראכט אין די מזוזות וואס ער האט געזען אויף יעדען טיר אין דעם הויז וואו ער האט געוואוינט מיט די גוים.

בקיצור, דער גוי האט אראפגענומען די הייליגע מזוזה און ער האט עס געעפענט. אלע די רשעות'דיגע גוים האבן עס אנגעקוקט מיט גרויס שמחה, און זיי האבן געלאכט צו זען ווי דער ערל עפענט אויף די הייליגע קלף וואס זיין גראבע הענט האבן געטראפן אין די מזוזה. דאן האט יענער גוי געהייסן אז די אנדערע גוים זאלן לויפן ברענגען אלע אנדערע מזוזות אין דעם הויז. מארק האט אלעס אנגעקוקט מיט גרויס שרעק. וואס האט ער געקענט טון, ער איז געוועזן א יחיד, און זיי זענען געוועזן א רבים.

א מינוט שפעטער זענען אלע מזוזות געוועזן צוזאמענגענומען.

עס האט געברענט א גרויסע פייער אין דעם קאמין (א פלאץ אזוי ווי אן אויוועזן וואו מען צינד אן א פייער כדי אנצוווארעמען דעם שטוב.) דאן האבן די גוים געוואלט ווארפן די הייליגע מזוזות אין פייער אריין. מארק האט עס שוין נישט געקענט פארנעמען. כאטש אז מארק איז דעמאלט געוועזן אינגאנצן פריי, איז דער פינטעלע איד אין אים נתעורר געווארן. ער האט געדארפט טון עפעס.

ער איז אריבערגעגאנגען צום הויפט גוי און ער האט זיך צו אים אקעגענגעשטעלט. מארק האט אים געזאגט אז ער איז א איד, און דער גוי טאר נישט טון וואס ער האט געוואלט טון. "דו ביסט א איד?" האט דער גראבער גוי געפרעגט מארק. "יא," האט ער אים געענפערט. "אויב אזוי, אפשר קענסטו אונז מסביר זיין וואס די אלע זאכן (ד"ה די מזוזות) זענען?!?" מארק'ס פנים האט זיך געטוישט פון זיין ווייס פון פחד צו ווערן רויט פון בושה. ער האט פרובירט צו טראכטן וועגן אלעס וואס ער ווייסט וועגן מזוזות, אבער, ער האט פשוט גארנישט געוואוסט. דער גוי האט געזען אז מארק ווייסט גארנישט וועגן זיין אייניגע רעליגיע. מיט איין ווארף, האט דער ערל געווארפן פיעל מזוזות אין דעם פייער אריין. א גרויסע פלאם איז ארויף פון די הייליגע מזוזות, רח"ל. מארק, אפילו ער האט נישט געוואוסט אפילו וואס א מזוזה איז פונקליך, איז געווארן איבערגענומען מיט גרויס צער. ער איז געלאפן צו זיין צימער ווי ער האט געוויינט דעם גאנצן נאכט.

דעם נעקסטען טאג האט ער געמאכט א קשר מיט דעם בעל הבית, וואס איז געוועזן א פרומער איד אין לעיקוואוד. פאר דעם האט מארק קיינמאל נישט געקענט דעם בעל הבית. מיט טרערן אין זיין אויגן, האט ער דערציילט דעם שרעקליכען סיפור פון פאריגען נאכט. פארשטייט זיך אז דער מעשה האט שטארק געשטערט דעם בעל הבית, אבער ער האט פארשטאנען אז אזוי איז די דרך פון גוים. דער בעל הבית האט גענומען דעם געלעגענהייט צו רעדן מיט מארק וועגן אידישקייט. באלד דערנאך איז מארק געגאנגען אויף א שבת אין לעיקוואוד. מארק איז נתפעל געווארן פון דעם ווארעמע הכנסת אורחים, אינטערעסאנטע דברי תורה, לעבעדיגע זמירות, און דעם געשמאקע שבת עסן. דער בעל הבית האט אוועקגעגעבן אסאך שעהן מיט מארק. מיט דעם צייט איז מארק געווארן א עכטער בעל תשובה. ער האט חתונה געהאט און בשעת מיר ליינען די ווערטער, בויט ער אויף א שיינע אידישע שטוב, דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן.

די הייליגע תורה רעדט די וואך וועגן די מצוה צו ציילען די בני ישראל. פארוואס האט דער אייבערשטער געהייסן אז משה רבינו ע"ה זאל ציילען די אידן? ווייסט דען נישט דער אייבערשטער די מספר פון כלל ישראל? נאר, די תורה קומט אונז צו לערנען א וויכטיגע ענין: יעדער איד איז חשוב אין השי"ת'ס אויגען. אזוי ווי דער מדרש איז מסביר, דער אייבערשטער האט אונז אזוי ליב, אז ער טוהט אונז כסדר ציילען. (מדרש רבה במדבר פרשה ב סימן יט)

דער של"ה הקדוש ברענגט אז די ווארט "אדם" טוהט ווייזן אויף "הדבק במדותיו," ווייל "אז נקרא אדם מלשון אדמה לעליון." – ד"ה, מען דארף זיך צוגלייכן צו דעם אייבערשטענ'ס מידות. (תולדות אדם ־ בית דוד ז) וויבאלד יעדער איד איז חשוב אין דער אייבערשטער'ס אויגען, דארף יעדער איד זיין חשוב אין אונזערע אויגען אויך. מיר דארפען מחשיב זיין יעדער איד אזוי ווי די חכמים זאגן: "כל ישראל ערבים [זה לזה.]" (מדרש איכה פרק ג סימן לט) דער סיפור פון די וואך ווייזט די כח פון מחשיב זיין אן אנדערען איד. דורך דעם וואס דער בעל הבית האט מקרב געוועזן מארק, איז ער ב"ה געווארן משה. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה"ר ר' יודל ליכטער שליט"א לרגל שמחת לידת נכדו לחתנו מוה"ר יושע העשל שווארץ הי"ו
נתרם לרפו"ש של מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, צבי בן חנה, יהודה בן אסתר, משה דוד בן מרים בתשח"י
לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)
**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**